„Radomer-Kielcer Leben" 2 (342) „Należytość pocztową uiszczono ryczałtem VIII-ער יאַהרגאַנג פּרייז 25 גראָשען

# ראַדאָמער-קעלצער לעבען

היינט א זייט.

Radom, dnia 9 Stycznia 1931 r.

ראַדאָם, פרייטאַג כ טבת תרצ"א

Redakcja i Administracja
Radom, Szwarlikowska 20.

Oddział w Kielcach.

אַנאָנסען - פּרייז:
אײן מילימעטער שורה: פאַרן טעקסט 40 גר.
" " " אין " 60 "
" " " נאָכ'ן " 25 "
די 1-טע און לעצטע זייט ענטהאַלטען
8 שפּאַלטען
אין טעקסט 4

## דער קרעדיט = קאָאָפּעראַטיוו
פאַר האַנדעל און מלאכה
Plac 3 Maja 2

מאַכט בעקאַנט דאַס אויפהאַלטען וועקסלען
וועט מען קענען זייגער 1½ נ. מ.
נאָר ביז

*Spółdzielcza Kredytowa*
*dla Handlu i Rrzemiosł* Radom.

## LABORATORJUM
**Chemiczno - Bakterjologiczne**
Magistra Farmacji S. KAJLERA

**PRZYJMUJE**

analizy moczu, krwi, treści żołądka, plwociny i t. d.

**RADOM,**
**Żeromskiego 34.**
(dawniej Lubelska)

Serdeczne życzenia składamy **Państwu Senator** z okazji zaręczyn Ich syna
Bernarda z p. Krysią Przedeczówną
*B-cia Gliksman*

Z okazji zaręczyn
Bernarda Senatora z p. Krysią Przedeczówną
najserdeczniejsze życzenia składa
*Rodzeństwo* ROZENBERG
(Rwańska 21)

**P-stwu Senator** z intencji zaręczyn Ich syna
p. Bernarda z p. Krysią Przedeczówną
serdeczne życzenia składa
*Dyna Dancygier* z rodziną.

Przyjacielowi memu Bernardowi
z intencji zaręczyn jego z p. Krysią Przedeczówną
składam serdeczną gratulację.
*Marek Müller*

את חברנו החשוב ר' אברהם מינצבערג נ"י
ואחותו רחל אשת ר' נחום פאַסירמאַן
בּמות עליהם א ב י ה ם החסיד וגדול בתורה ובמעשים טובים
מרדכי הנקרא מאָטיל מינצבערג ז"ל מאפּטאַ
מנחמים אנו שבנחמת ציון וירושלים ימצאו תנחומים.
חבל על דאבדין ולא משתכחין!
*Bank Udziałowy* Kielce.

כוס נחומים ליו"ר הסתדרותינו לחבר דוד פרישמן למות עליו
# א ב י ו נ. ע.
בעבודתו בעד רעיון המכבי ימצא נחומים!
ועד והאגודת ההסתדרות „מכבי"
בקילצה.

אברהם עפשטיין.

# וואס איז די שמחה!...

מיר לעבען איצט אין א שווערער און פעראנטווארטליכער צייט, וואס לאסטעט אויפ'ן יודישען פאלק, און דאס קאן מען פערגלייכען נור מיט דער טראגישער לאגע, וועלכע איז געשילדערט געווארען אין אונזערע ביבלישע ספרים אלס א פאָרזאג צו די אנקומענדע טעג פון משיח'ן. אלע פויערען זענען פאר אונז אפגעשלאָסען, די גרעסטע אימיגראציע-לענדער האבען זיך פאר אונז פערמאכט, די ארבייטס - ווארשטאטען — פערהאקט, אונזערע אלטע פרנסות — צוגענומען, ליקווידירט, אדער סתם אפגעשטארבען, ווי אלטע אפגעדארטע און פערפוילטע רויזען. מיר זענען ברויט-לאָז און מארגענלאָז, אין דער שרעקליכער בעדייטונג פון אט די ווערטער.

און ווען מיר לעבען דעריבער אין אזא טרויעריגען עקאָנאָמישען אוןווירטשאפטליכען מצב, טאר נישט די יודישע עפענטליכקייט רייצען די געפיהלען פון מאסען יודישע ארבייטס-לאָזע, וואס צאנקען מיט דער נשמה פאר הונגער און קעלט צוזאמען מיט צעהנדליגער טויזענדער יודישע רואינירטע און חרוב-געווארענע סוחרים, האנדווערקער און ארימע הענדלער — און אין א פראָסטען מיטוואך זיך אָנשליסען אין די רייהען פון א פרעמדען, אגב אינטערנאציאָנאלען ס לוועסטער-יום-טוב און איהם פראוועו מיט דער פולסטער התלהבות בעגייסטערונג און איבערגעטריבענעם פאטאָס, וואס עס שלאָגט זיך אָב אזוי שעדליך און צעשטערענד אויף דער נאציאָנאַלער און הארמאָנישער גאנצקייט פון יודישען לעבען אין גלות.

און, צי וואָלט דאָס נישט געווען קיין אויסדרוק פון ברידערליכקייט און ערהאבענער יודישער פאָלקס-טהאט, ווען פאר די אויסגעגעבענע געלדער, וואס יודישע טעכטער און זיהן האבען אנגעפילט די שיפלעדער פון „פרעמדע" בופעטען אין א נישט-יודישען סילוועסטער יום - טוב — זו שאפען א רעטונגס - קאסע פאר ארימע הענדלער, וועמען פ'דראָהט א געפאהר פון אינטערגאנג אין געל' פון נישט אויסקויפען בעצייטנס קיין פאטענטען און דערמיט וואָלטען די יעניגע אויך גלייכצייטיג אויך פיעל פערלייכטערט דאָס שווערע געמיט און דעם מאטעריעלען דין - וחשבון פון זייערע פאָטער סן...

און אָט אזא שטעלונג פון אונזערע פסיירא-אינטעליגענטען וואָלט געווען א גראציעזע אויפפאסונג פון א שטאָלצען און ווירדיגען יודישען זשעסט, פון אלטער יודישער האפנונג און גלויבען, אין זער צייט, ווען מיר ראנגלען זיך שווער מיט די לעצטע כחות פאר אונזער עגזיסטענץ.

מיר לעבען היינט, אין אזא צייט ווען מ'טאָר נישט אין א „געוועהנליכען" מישוואך דעמאָנסטרירען מיט דער שיינער און אויסערלעכער או שטאָטונג פון יונגע קערפערס, וואס עס רייצט די אנגעהייטאָגטע געמיטער און שטימונג פון א הונגערלאָזער מאסע און זיך „באוויען" מיט'ן ברייטסטען עפענטלעכען אפקלאנג אויף נישט קיין יודישען יום-טוב.

וואס איז די שמחה!?...

---

Biuro Próśb i Podań

p. f. „PROLITEX"

RADOM, WAŁOWA 5, oficyna 1-sze piętro.

| ZAŁATWIA: | Redaguje Podania: |
|---|---|
| Sprawy paszportowe<br>Mieszkaniowe<br>Wszelkie Tłomaczenie<br>i inne. | Do Władz Sądowych<br>Skarbowych<br>Administracyjnych<br>i Wojskowych. |

Windykacje należności w całej Polsce.

Informacje o zdolności kredytowej

Przepisywanie na maszynach.

Biuro czynne: od godz. 9-ej rano do 7-ej wieczór.

---

— די — שענסטע **טאפעטען** צו זעהר ביליגע פרייזען קען מען נור בעקומען

אין דער לאנג - יעהריגער פירמע

**ש. שטיינמאן**

ראדאם, לובלינער 21.

---

וואס איך האב פעגעגענט אין מיין לעבען. ביי יעדער איינער פון די דורכשוועבענדע געשטאלטען זיך אפגעשטעלט א רגע: אפשר איז דאס. אבער ניין, ניין ס'איז נישט. איך שאקעל זיך אב און דאס געשריי, וואס לויפט אין מיר ארום ווי א טייוועל רייסט אין רעוועט: זיך ווייטער. דאס געשטאלט פערגעהט און א צווייטע שווימט קאפויער, אבער אויך יענץ שטעהט נישט לענגער פאר מיינע אויגען און פערשווינדט באלד. דער קאפ ווערט מיר אזש שיכור פון די אונצעהליגע בילדער, וואס לויפען אדורך ווי אינטער עמיצענס א בעטעהל. פלוצלינג אין גאנצען קנויל פנימ'ער וואס בלייבט שטעהן א ווילע ווי א אונענדליך ראד, טהוט פלוצלונג א שפרינג-ארויס דער ראדאמער מאסקען-באל, דער פולקאָוויק פון דער זשאנדאמעריע. די לעצטע צוויי בילדער ווערען גרעסער, שארפער. זיי פערווישען אלע פנים'ער און זיי ווערען נעהנטער צו מיינע אויגען. און קאפ טהוט זיך מיר א מיש. איך רייס זיך טיעפער אריין אין די קנייטשען פון פנים פון אונבעקאנטען יוד. די אויגען קעהרען זיך מיר אזש איבער און שפרינגען שיער נישט ארויס.

אבער איך ווייס נישט פון וואס און פון וואנען — אומגערעכט טהוט זיך ארויס-אריין דאס פנים פון פיניעלע דעם וואלד-מעקלער. מיין לייב ווערט מאמענטאל ווי עלעקטריזירט און ווי איינער, וואס ווערט היפנאטיזירט, רוף איך אויס דעם דאזיגען נאמען.

יענער תאט, ווייזט אויף, מ'ך נאך פון פריהער דערקענט. ער האט נישט ארויסגעוויזען קיין צו-פיעל איבערראשונג, נאר אראבגעלאזט דעם קאפ און צוגעשאקעלט שטיל:

— יאָ, איך בין עס. ה' ש. איך האב געגען אייך געזינדיגט. —

אין צעלע ווערט שטיל. אלע ארעסטאנטען קוקען זיך אום. שווייגען מיט איינגעהאלטענע אטהעמ'ס, זייענדיג טשעקאווע צו וויסען, וואס דא איז געשעהן. פיניעלע וויינדערט זיך אפשר נישט, וואס איך טהו דאָ אין דער טורמען-קאמער, נאר רייסט איבער דאס ודוי-זאגען אין נעמט דערצעהלען:

— יאָ. אזוי איז עס ה' ש. איך האב אייך דערקענט, זיצענדיג זאָ אין דער צעלע. און מאקע דערפאר, וואס איך האב אייך דערקענט, האב איך מיך דערמאָנט, אז איך בין אקעגען אייך א גרויס פערברעכען בעגאנגען. און מאקע ערשט איצט האב איך דערפיהלט, אז אויף דער וועלט הערשט יאָ אביסעל גערעכטיגקייט און, אז איך האב נאך מעהר פערדיענט דעם טוידט. איהר מאקע, ה' ש. האט מיך פאר'ן טויט בעהיטען צו זאגען ודוי און אויסגיסען מיין הארץ פאר די זינד, וואס איך בין בעגאנגען. —

פיניעלע איז פלוצלינג ענטשוויגען געווארען. נאך טיפער אראָבגעלאָזט דעם קאפ צו דער ערד. פערשטעלט זיך דאס פנים און גענומען קלאפען זיך אין הארצען אריין אשמנו אזוי, אז יעדער זעץ אין הארץ האט אפגעקלונגען אין צעלע ווי א פויק.

איך האב אין אנפאנגס נישט פערשטאנען קלאר די ווערטער און די רייד פון פיניעלע. איך האב עטוואס צוגעוואדט פיניעלע זאל זיך אביסעל בערוהיגען און דאן האב איך איינגאנצען א צופיבערטער געפרעגט:

— פיניעלע, וואס בעדייטען דיינע ווערטער? איך האב קיין אהנונג. איך פערשטעה זיי נישט. רעד קלארער.

סיי ווי זענען אונזער ביידע מינוטען אין לעבען געצעהלטע. נאך א שעה, און נאך א שעה און מיר אלע געהען צו דער תליה, כאָ וואס זאלען מיר זיך שעמען, פיי-חי וועלען מיר זיך שוין מעהר נישט בעגעגענען ערגיץ - וואו לעבעדיגערהייט. אלץ, וואס מיר רעדען יעצט, וועט איינגעשלונגען ווערען פון די פינסטערע מוירען דאָ אין דער טוידטען קאמער און וועלען דאָ פערשטימט און פערגליווערט ווערען פאר א אייביגען סוד. רעד, דערצעהל

# פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין ראדאם.

## קאמוניקאט

שבת דעם 1|17 1931 אום 6 אז. אוו. וועט פארקומען די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון דער ציוניסטישע ארגאניזאציע אין ראדאם אין אייגענעם לאקאל לובלינער 25 מיט דער בעטייליגונג פון א פארשטעהער פון צענטראל-קאמיטעט.

איינטריט פאר מיטגלידער וואס זענען שולדיג דעם מיטגלידס-אבצאהל נישט לענגער ווי פאר 3 חדשים.

# קאמוניסטישער פראצעס אין ראדאם.

## 4 ראדאמער יודישע יונגעלייט פער'משפט געווארען צו דריי יאהר תפיסה.

אין היגען קרייז-געריכט איז פאריגען מיטוואך פארגעקומען א פראצעס געגען די ראדאמער יודישע יונגעלייט לייבוש מארע, ישכר פוקס, מלך אלבום און אבא קוראנס. מארע איז בעשולדיגט געווארען, אז דעם 6 טען שערפיען פ. י. האט ער אויפגעהאנגען אויף דער טבאשיסקא א קאמוניסטישען פאהן, בעת וואס ער איז פערהאלטען געווארען דורך דער פאליציי. די איבריגע זענען בעשולדיגט געווארען אין פיהרען קאמוניסטישע פראפאגאנדע.

פערטיידיגט האט זיי אדוו. בערענסאהן פון ווארשא.

דאס געריכט האט זיי פער'משפט יעדען צו דריי יאהר תפיסה.

# וואס טהוט זיך אויף דער „לינת-הצדק”.

די מעדיצינישע הילפס-טעטיגקייט פון דער געזעלשאפט „לינת-הצדק” האט זיך אין שטארט ערווארבען א פאפולערען נאמען. די סימפאטישע און נוצליכע טעטיגקייט ווערט אנערקענט פון דער גאנצער שטאדט אהן אונטערשיעד פון קלאס און שטאנד.

די, וואס פיהרען-אן מיט די אינסטיטוציע, ווידמען פיעל צייט און מיה, אז דער דאזיגער אומזיסטער הייל-אנשטאלט זאל זיך אלץ ברייטער ענטוויקלען און די מעדיצינישע הילף זאל וואס אמאהל געגעבען ווערען אין א גרעסערען מאסשטאב.

א בעזונדערע אינטענסיווע טהעטיגקייט האט דער „לינת-הצדק” ארויסגעוויזען בעת דער „גריפע” - עפידעמיע. אין דער צייט איז דער ל"ה געווען פשוט דער רעטונג'ס-פונקט פאר הונדערטער ארימע קראנקע.

ס'וועט גענוג זיין צו אילוסטרירען מיט פאלגענדע ציפערען. כדי מ'זאל זיך שאפען א בעגריף, וואס פאר א בעדייטונג דער ל"ה האט פאר דער שטאדט.

בלויז פאר'ן חודש דעצעמבער האט דער „לינת הצדק” ארויסגעגעבען קוויטלעך צו דאקטוירים צהיים אין א צאהל 254; קוויטלעך צו די דאקטוירים, וואס זאלען אונטערזוכען די קראנקע ביי זיי אין שטוב — 184; צו פעלדשערס — 44. רעצעפטען איז ארויסגעגעבען געווארען 414 אויף א סומע פון 1.130 זל; הילף אין קראנקהייט'ס פאלען ביינאכט — 9; אנאליזען — 37.

די אייבענדערמאנטע ציפערדיגע אילוסטראציעס רעדען גענוג פאר זיך און ס'איז א קלארע זאך, אז די אינסטיטוציע פערדיענט באמת אויף די ווארימסטע אונטערשטיצונג און, אז די יודישע בעפעלקערונג אין ראדאם ברויך זיך מעהר פאראינטערעסירען.

מיינע לעצטע ווערטער האבען אויף פיניעלע א שרעק אנגעווארפען. ער האט גענומען צאפלען ווי א פיש.

— טייערער ה' ש. איך א האנד צוגעזאגט אייך פון דער וועלט אימצוברענגען וואס רעדט איהר? פאר וואס, פאר וועם? איך בין דאך גארנישט שולדיג, אייער איסגעלאסענע פרוי האט דאך מיר צו דעם צוגערעדט —

— צו וואס האט זי דיך צוגערעדט? האב איך געווארפען ווי א פאראליטיקער מיט'ן מויל, אז שוים האט געזעצט.

— רעד, לאמיך הערען צו וואס האט זי דיך צוגערעדט? —

— אז איך זאל אייך ארויסנארען קיין ווארשא —

— ווען איז דאס געשעהן? פאר וואס און צוליב וואס האסטו מיך ארויסגענארט? —

פיניעלע האט אבער זיך צוכליפעט און אזוי פערקייכט אין א הוסט, אז איך האב געמוזט ווארטען ביז ער וועט צו זיך קומען און זיין אימשטאנד א ווארט אויסרעדען.

(פארטזעצונג קומט.)

היינטיגען זונטאג דעם 1|11 קומט פאר אין ל"ה א אלגעמיינע פערזאמלונג. אויף וועלכער די מיטגלידער ברויכען קומען מאסענווייז, כדי דערמיט ארויסצווייזען, אז זיי זענען פאראינטערעסירט אין דער עקזיסטענץ פון דער וויכטיגער אינסטיטוציע.

# יודישע אבטיילונג ביים סוחרים-פעראיין.

דער סוחרים-פעראיין מאכט בעקאנט, אז פון 1 יאנואר ד. ח. איז געווארען ארגאניזירט א יודישער רעפעראט, וועלכער פערנעמט זיך מיט ערטיילען עצות בנוגע שטייער און האנדעלס-ענינים.

דער סוחרים-פעראיין איז גלייכצייטיג מודיע, אז אלע מיטגלידער, וועלכע האבען רעקורירט וועגען שטייערן קיין קעלץ און האבען בעקומען „וועזוואניעס” צו שטעלען זיך פערזענליך, זאלען זיך פערשטענדיגען פאר'ן פאהרען קיין קעלץ מיט'ן פעראיין.

# אונטערגעווארפען א קינד

אויף ליפליגער 63 האט די קריסטליכע דיענסט ווארכאווסקא אונטערגעווארפען א קינד, וואס זי האט געבוירען מיט א נאכט פריהער. קומענדיג אין דער פריה ווי געוועהנליך צו דער ארבייט, האט די בעל-הבית'טע בעמערקט, אז איהר דיענסט איז שוין נאכ'ן געבורט. ס'איז דעריבער ביי איהר ענטשטאנען א פערדאכט, אז איהר דיענסט האט דאס ניי-געבוירענע קינד ערגיץ אוועקגעבאקט און זי האט גלייך וועגען דעם געמאלדען די פאליציי.

נאך לאנגע זוכעניש האט ענדליך די פאליציי געפינען דאס אונטערגעווארפענע קינד.

# פייערליכע אקאדעמיע פון „החלוץ” אין ראדאם.

אין צוזאמענהאנג מיט די בעפארשטעהענדע קרן-החלוץ אקציע אין ראדאם קומט פאר פרייטאג ביינאכט אין לאקאל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע א יוגענד-פערזאמלונג מיט'ן אנטייל פון ה' ישראל ריטאוו (ווארשא).

שבת דעם 10-טען אום 1 נאכמיטאג קומט פאר אין זאהל פון קינא „קארסא” א פייערליכע אקאדעמיע מיט'ן אנטייל פון ה' ישראל ריטאוו, מיטגליעד פון צ. ק. החלוץ אין פוילען און מיטגל. פון קרן-היסוד - דירעקטאריום אין פוילען.

*

# 500 קערץ קויהלען האט די „עזרה” שוין פארטיילט

די הילפס געזעלשאפט „עזרה” האט היינטיגע וואך צעטיילט 500 קערץ קויהלען צווישען דער ארימער און אונטערמגליכער בעפעלקערונג.

דער דאזיגער קוואנטום וויזט זיך אבער ארויס פאר ווייניג, מחמת ס'איז געבליבען נאך א גרויסע צאהל נויטבעדערפטיגע. וואס ווארטען נאך אפילו אויף קויהלען צו דערווארימען זייערע איין קאלטע שטובען.

די געזעלשאפט „עזרה” געפינט זיך אין א פינאנסיעלער פערלעגענהייט און זי מאטערט זיך פשוט צו בעפרידיגען די געבליבענע הונדערטער נצרכים.

די יודישע בעפעלקערונג טאר נישט לאזען שטעהן דער „עזרה” אין מיטען דער קויהלען-אקציע און ווי ווייט מעגליך איהר בייהילפיג זיין.






# קהלה בעטראכט דעם בודזשעט פון יאהר 1931.

נאך א לענגערע הפסקה וואס ערקלערט זיך מיט'ן ברוגז־טאנץ צווישען דעם אלטען קהלה־ראט מיט דער נייער פערוואלטונג, איז היינטיגען דינסטאג דער ראט זיך צונויפגעקומען אויף א זיצונג.

דאס „איבערבעטען" איז ארויסגערופען געווארען פון דער נויטווענדיגקייט צונויפצושטעלען דעם נייעם בודזשעט פון יאהר 1931, וואס מוז לויט די פארשריפטען דורכ'ן ראט בעשטעטיגט ווערען.

אויף דער ראט־זיצונג זענען געקומען אלע פראקציעס אויסער צוויי ארטאדאקסישע פרנסים בלאס און י. ר. טייטעלבוים. די האנדווערקער־פראקציע איז אינגאנצען נישט געקומען. די היינטיגע פערוואלטונג איז געקומען אין גאנצען צוזאמענשטעל.

דער פארזיצענדער ה' פרענקעל עפענט די זיצונג און לייענט פאר דעם קאמוניקאט פון מיניסטעריום, וואס איז צוגעשיקט געווארען צום ח סטאראסטא וואו די פערוואלטונג ווערט אויפגעפאדערט פארצושטעלען דעם היי־יעהריגען בודזשעט פאר'ן ראט צו בעשטעטיגען.

עס ווערט דאן פארגעלייענט דורכ'ן פרנס האטערשפיין דער בודזשעט פון 1931, וואס די היינטיגע פערוואלטונג האט פרעלימינירט. דערביי נעמט א ווארט דער פרנס מ. ל. פישמאן. וועלכער מאכט אויפמערקזאם, אז דער בודזשעט, הגם ער איז קלענער פון פאראיאהריגען, דאך, איז די „סקלאדקע", ס'הייסט דער עצאט שטייער בעדייטענד גרעסער. אנשטאט 131 טויזענד זל. פון פאראיאהרען, בעטרעפט די היינטיגע „סקלאדקע" 152 טויזענד.

ה' פישמאן שטעלט זיך בעזונדערס אב אויפ'ן שרעקליכען קריזיס, וואס הערשט ביי אונז אין שטאדט אין אלע בראנזשעס און ער פאדערט דעריבער ס'זאל געשאפען ווערען א בודזשעט־פינאנס־קאמיסיע פון 7 פערזאהן, וועלכע זאל קארעגירען דעם אויסגעארבייטען בודזשעט פון דער פערוואלטונג און איבערהויפט אכט צו לעגען ביי דער אויסמעסטונג פון עטאט־שטייער.

פרנס מענדעל האראוויטש זאגט זיך ארויס אז ס'דארף אנוליר'ען די פרעלימינירטע פאזיציע אויף א מקוה, ווייל אויף דעם צוועק האבען פיגורירט געוויסע סומעס במשך א רייהע יאהרען און זענען ביז היינט נישט אויסגענוצט געווארען.

דער וויצע־פרעזעס פון דער פערוואלטונג בנימין האכמאן גיעט דאן א ענטפער און ערקלערט. אז אין אלגעמיין איז ער מסכים מיט ה' פישמאן, אז אלץ דארף פערקלענערט ווערען, אבער אין פאל ווען דער ראט וועט דאס פאקטיש אויספיהרען און דעם בודזשעט בעדייטענד רעדוצירען, וועלען פון דער צווייטע זייט ליידען פיל אינסטיטוציעס אין שטאדט, וועמענס עקזיסטענץ עס איז איבערהויפט אנגעוויזען אויף דער שטיצע פון די קהלה־סובסידיעס.

פרנס נח ראזענבערג (אגודה) איז דערפאר, אז די בידושעט־פינאנס־קאמיסיע זאל בעשטעהן פון 5 פערזאהן. ער מאטיווירט עס דערמיט, וואס די האנדווערקער פרנסים זענען נישט געקומען און מען דארף דעריבער נישט פאר זיי רעזערווירען קיין פלאץ אין דער דערמאנטער קאמיסיע. בעת דער אבשטימונג ווערט כמעט איינשטימיג אנגענומען דער פארשלאג פון ה' מ. ל. פישמאן און עס ווערט רעזערווירט א פלאץ פאר דער האנדווערקער פראקציע.

ס'איז אויך געוועהלט געווארען א רעוויזיאנ'ס־קאמיסיע פון דריי פערזאהן.

צווישען די פרייע פארשלאגען בעריהרט ה' פרענקעל דעם ענין פון יודישען שפיטאל, וועמען ס'דראהט א געפאר, אז ס'זאל אינגאנצען ארויסגענומען ווערען פון יודישע הענד (ווי די לעזער געדענקען האט אונזער צייטונג דעם זעלבען ערנסטען ענין בעריהרט אויספיהרליך נאך מיט אייניגע וואכען צוריק — רעד.) ה' פרענקעל לייגט פאר, אז דער ראט זאל בעפולמעכטיגען דער פערוואלטונג ארויסצוטרעטען געהעריג אין יורידיש פעסטצושטעלען, אז די אייגענטום רעכט פון יודישען שפיטאל געהערט אויסשליסליך צו דער יודישע קהלה. עס ווערט בעשלאסען, אז די פערוואלטונג צוזאמען מיט'ן פארזיצענדען פון ראט זאלען דאס געמיינזאם דורכפיהרען.

אויף דער זיצונג איז אנוועזענד געווען מצד דער מאגיסטראט נאטשעלניק ה' בעקער.

---

### פון „באנק פאושעכני" לובלינער 7.

בייזוויליגע מענשען לאזען ארויס קלאנגען, אז די בעקאנטע אין ראדאם „באנק פאושעכני" זאל מכלומר'שט האבען בדעה צו ליקווידירען זיך. ווי מען טיילט מיט, איז גראד פערקערט. די באנק האט בעקומען צוגאב־קאפיטאלען און די טהעטיגקייט ענטוויקעלט זיך וואס אמאהל בעסער. 103 08

---


BANK POWSZECHNY

w RADOMIU, Lubelska 27.

מאכט בעקאנט, אז א דאנק די גרויסע צופליס־קאפיטאלען איז די באנק אימשטאנד צו ערטיילען גרעסערע הלוואות, דיסקאנטעס, אוואנסען אויף אינקאסע־וועקסלען און בכלל ווערען דורכגעפיהרט אלערארט באנק־אפעראציעס

— אויף די בעסטע בעדינגונגען. —

די באנק נעמט אויך אן אינקאסעס אויף גאנץ פוילען

—— צו מינימאלע פרייזען ——

ארטיגע אינקאסעס ווערען אויסגעצאלט אין זעלבען טאג פון איינפליסען.


א הארציגען מז"ט ווינשען מיר אונזער חבר וועלוועל ווייזענבערג צו דער חתונה פון זיין ליבע טאכטער

שרה'לע מיט ה' יוסף רוטערבאנד.

דעם יונגען פארל זאל זיין זייער וועג בעלויכטען מיט פריהלינג'ס־שטראלען און די עלטערן פיעל נחת.

חברים מתפללים „אהבת רעים"


Udziałowa Spółdzielnia Kredytowa

z ogr. odpow.

w RADOMIU, ul. Żeromskiego 11

ערלעדיגט אלערארט באנק־אפעראציעס, נעמט אן „וקלאדען" אנהויבענדיג פון דער קלענסטער סומע און נעמט אן

אינקאסעס אויף גאנץ פוילען צו מינימאלע פרייזען.

צוליב בעקומען אין באנק־פאלסקי

זשירא־רעכנונג (rachunek żyrowy)

ווערען אנגענומען וועקסלען צו אינקאסירען דורך באנק־פאלסקי

צו נארמאלע פרייזען וואס אין באנק פאלסקי


מיין טיעפסטע בעדויערונג און מיטגעפיהל דריק איך אויס

דער פאמיליע טענענבוים

צוליב'ן פערלוסט פון זייער מאן, פאטער, שווער

און מיין מחותן

לייב טענענבוים נ. ע.

המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.

אברהם ליפא דעז

ראדאם.

# קעלצער אָפּטיילונג.

## צוגע'גנב'עט צוויי ספרי-תורות פון ראַספּישער שטיבל.

פאַריגען דינסטאג ביינאַכט איז פון ראַספּישער שטיבל אין קעלץ (קאַזיא גאַס) ארויסגע'גנב'עט געוואָרען דורך איינבעוויסטע פּערזאָנען 2 ספרי-תורות. די גנבה איז ערשט ענטדעקט געוואָרען מיטוואָך פריה, ווען די מתפללים זענען געקומען צום דאַווענען. דער גבאים-קאָמיטעט פון שטיבל האָט באַלד דערפון געמאָלדען דער זיכער-הייט'ס-מאַכט.

צומאָרגענס דאָנערשטאָג, איז צופעליג געפונען געוואָרען אין א שכנות-דיגען הויף די עץ-החיים'ס פון די ספרי-תורות. לויט אַלע סימנים איז צו זעהען, אז די גנבים זענען געווען יודען.

## די שקלים-אַקציע אין קעלץ.

היינטיגע וואָך איז פערענדיגט געוואָרען דער שקלים-פערקויף פאַר'ן יאָהר תרצ"א, סך-הכל זענען פערקויפט געוואָרען קנאַפּע 1000 שקלים. מיט'ן פערענדיגען די אַקציע איז גלייכצייטיג געשאַפען געוואָרען א וואהל-קאָמיסיע צום 17-טען קאָנגרעס מיט'ן וויצע פּאָרויצענדען פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע ה' נ. קייזער אין דער שפּיץ.

## פון „מכבי".

היינטיגע וואָך זענען צוריקגעקומען פון ווארשאַ די מיטגלידער פּר"ל ר. אורבייטעל און ש. אָסטראָוויטש, וועלכע האָבען אנטייל גענומען אין גימנאַסטישען קורס פון וועלט-פערבאַנד פון מכבי.

די דערמאָנטע מיטגלידער האָבען זעהר גוט געענדיגט דעם קורס און בעקומען אויסצייכנונג'ס-דיפּלאָמען מיט רעכט אָנצופיהרען גימנאַסטישע קורסען.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט גרייט איצט „מכבי" צו פערברייטערען די גימנאַסטישע סעקציעס אונטער די אָנפיהרונג פון פּר"ל ר. אורבייטעל און ש. אָסטראָוויטש.

## ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין קעלץ איז איהר אייגענעם לאָקאַל

(ד) א דאַנק דער איניציאַטיוו פון די בעקאַנטע ציוניסטישע עסקנים אין קיעלץ די ה"ה: י. מ. רייזמאַן, נ. קייזער, א ערליך אַלטער און גראַנדאַפעל איז לעצטענס געדונגען געוואָרען א גרעסערער לאָקאַל פאַר די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין קיעלץ. דער לאָקאַל געפונט זיך אויף וועסאָלאַ גאַס. היינטיגע וואָך איז שוין פערענדיגט געוואָרען דער רעמאָנט און עס זענען געמאַכט געוואָרען אַלע נויטיגע איינריכטונגען.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז פאָראויסצוזעהן, אז די טעטיגקייט פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע וועט זיך פיעל מעהר ענטוויקלען, איבערהויפּט אויף די געביטען פון נאַציאָנאַלען יודישען לעבען אין אונזער שטאָדט. לויט ווי מיר דערוואוסען זיך וועט אויך געלייגט ווערען א גרויס אכט אויף די קולטורעלע טעטיגקייט, אזוי צב"ש וועלען איינינע מאָהל אין דער וואָך פאָרקומען רעפעראַטען אָדער חברים-שמועסען וועגען די אַקטועלסטע פּראָבלעמען. אויך ווערט איינגעאָרדענט א שטענדיגער לעזער זאַל, וועלכער וועט זיין פערזעהען מיט דער יודישער פּרעסע פון דער גאַנצער וועלט א. א. וו.

דער חנוכת-הבית פון לאָקאַל קומט פאָר אין די נאָהענסטע טעג מיט'ן אָנטייל פון פאָרשטעהער פון ציוניסטישען צ. ק. אין פוילען.

מיר ווינשען דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע אין איהר וויכטיגע ארבייט אין דעם נייעם לאָקאַל פיעל ערפאָלג!

## א „דענטיסט", וועלכער האָט ליעב ארויסצוריכטען פּרעמדע... סחורות.

מיט א צייט צוריק איז קיין קיעלץ געקומען א אונבעקאַנטער עלעגאַנט-געקליידעטער יונגערמאַן, וועלכער האָט זיך אָנגעגעבען אַלס קוואַליפיצירטער דענטיסט און באַלד זיך ווערפענט א הייל-אַנשטאַלט מיט א גרויסע שילד „מ. ש אָרץ, ציין-אַרצט". ש אָרץ האָט אויך אָנגעהויבען פערקערען אין די געזעלשאַפט-קרייזען אין קיעלץ.

באַלד נאָך זיין קומען האָט ש אָרץ זיך בעשטעלט איינינע גאַרניטורען ביי דער פירמע פאַרנאָוויטש, פאַר וועלכע ער האָט געדעקט מיט וועקסלען. דאַן האָט ער איינגעקויפט אויף דעם זעלבען אופן אַנדערע אַרטיקלען אויף גרעסערע סומען.

פּלוצלינג איז דער „דענטיסט" פאַריגע וואָך גולם געווארען פון קיעלץ און, פערשטעהט זיך, צוזאַמען מיט איהם דער הייל-אַנשטאַלט און אַלע סחורות. די געליטענע האָבען תיכף געמאָלדען דער פּאָליציי, וועלכע האָט פּונקט ערנעשיקט שטעק-בריעף. עבת איז ש אָרץ געברענגט געוואָרען קיין קיעלץ אין קאָסנאָוויעץ, וואו ער איז געכאַפּט געוואָרען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אז ער איז קיינמאָהל נישט געווען קיין דענטיסט און, אז ער האָט שוין אין איינינע שטעדט בעשווינדעלט פיעל מיחרים.

איצט זיצט דער דאָזיגער „דענטיסט-פאַכמאַן" אין קיעלצער תפיסה ביז עס וועט זיך ענדיגען די אויספאָרשונג.


א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר דעם מיטגליד פון ראַט פון אונזער באַנק, ה' עקיבא פישמאַן
צו דער חתונה פון זיין טאָכטער
ראַט, פערוואַלטונג און פּערסאָנאַל
פון די הויזווירטען באַנק אין קעלץ.

ה' אברהם שלמה פרידענזאָהן נ"י
צוליב די חתונה פון זיין טאָכטער
פּרל. פעסיל תחי' מיט ה' שנור פון ווארשאַ
ווינשט פיל גליק און צופרידענהייט.
Bank Udziałowy Kielce.

דעם ה' נחמי' אָסטראָוויטש
ווינשען מיר א הערצליכען מזל-טוב צו די חתונה
פון זיין ליעבע טאָכטער
ציוניסטישע פרויען אָרג. „וויזאָ"
— אין קעלץ. —

א הערצליכען מז"ט און פיעל נחת ווינשען מיר אונזער חשוב'ן פריינד ה' יעקב דייבוג, וויצע-פּרעזעס פון דער געז. תומכי עניים אין קעלץ און זיין מחותן ה' נחמי' אָסטראָוויטש
צו דער חתונה פון זייערע קינדער
גלייכצייטיג דריקען מיר זיי אויס דעם טיעפסטען דאַנק פאַר זייער מוסטערהאַפטען שענקען טהאַט שפענדענדיג 25 זל.
לטובת דער געז. תומכי עניים אין קעלץ.
די פערוואַלטונג פון דער
געז. „תומכי עניים" אין קעלץ.

Rodzinie FRYSZMAN z powodu śmierci ich
OJCA
wyrazy szczerego współczucia składa
*Henrykowie Zagajscy.*

דעם ה' דוד פרישמאַן צוליב'ן טויט פון זיין
פאַטער
דריק איך אויס פיעל מיטגעפיהלען.
ל. ראָדאָל.

# אין ראדאם ווערט געעפענט נאך צוויי פאסט-אבטיילונגען.

נאך היינטיגען מאנאט. ד"ה דעם 11-טען סטיצניען, ווערען געעפענט ביי אונז אין שטאדט פאלגענדע צוויי פאסט-אגענטורען:

איין פאסט-אגענטור וועט טראגען דעם נאמען: ראדאם 3. די דאזיגע אבטיילונג וועט זיך געפונען אויף דער קיעלעצקא גאס נומ. 32. די צווייטע וועט הייסען: ראדאם 4 און וועט זיך געפינען אויף דער סלאוואצקי גאס נומ. 115.

ביידע דערמאנטע אבטיילונגען וועלען אויספיהרען פארלויפיג די פונקציעס פון אננעמען פערשידענע ענינים, וואס געהען אריין אין דער קאמפיטענץ פון פאסט-פערקעהר, און זיי וועלען זיין פעראייניגט מיט'ן ציינטווייליגען אמט פאר פאסט און טעלעגראף אויף דער ווארשאווער גאס.

די צוויי אגענטורען זענען די ערשטע פארטיע פון די הייטער-פאראויסגעזעהענע 6 אבטיילונגען.

דער נייער פאסט-רעפארם וועט געוויס אויפגענומען ווערען מיט גרויס צופרידענהייט פון דער גאנצער בעפעלקערונג, מחמת דער גרויסער בעקוועמליכקייט, וואס וועט דערמיט פערשאפען פאר פיעל טויזענטער איינוואהנער, פון די ווייטע געגענדען, וואס האבען ביז אהער געמוזט געהן א שפארען מהלך בכדי צו ערלעדיגען זייערע פאסט-אנגעלעגענהייטען.


## Podziękowanie.

Niniejszym składam podziękowanie dyr. **Sabie Rapaportowej**, właścicielce zakładu ortopedycznego spec. dla przepukliny, która przyjmuje w **Radomiu** w hotelu **Europejskim** pokój № 17. za skuteczne, umiejętne i trafne sporządzenie gorsetu ortop. i leczniczego na skrzywienie kręgosłupa dla mojej córaczki Halinki. Od czasu noszenia gorsetu zauważyłem znaczną poprawę i polepszenie skrzywienia pleców, za co składam wielkiej mistrzyni „Bóg zapłać".

z poważaniem

*Rodzice TOMICCY*

Radom, Spacerowa 12.

## די שטאדט-גאזאווניע

— פערקויפט —

הורט און דעטייל

פרעפארירטע סמאלע — קארבאלינעאום

און קאקס

צו בעדייטענד ביליגע פרייזען

— פיהרט אויס —

גאז-אינסטאלאציעס

וואננע אייוועלען

קיכלעך צו קאכען

אייוועלעך צו ווארימען

— בעשטעלונגען ועמט-אן —

**GAZOWNIA MIEJSKA**

MŁODZIANÓW, Tel. 134 skr. p. 28.

Do **fabryki** poszukuje się

**praktykanta**

lub **praktykantki biurowej**

Oferty do redakcji pod C. T.

*Kino dźwiękowe „ŚWIT"*

Dziś i dn. następnych

**MOJE SŁONECZKO**

w rol. gł. Janet Gaynor i Charles Farrel

Nad program: Wspaniałe dodatki dźwiękowe.

## בעקאנטמאכונג.

זונטאג דעם 11 יאנואר ה. י. 5 אז. נ. מ.

אין אייגענעם לאקאל (רוויינסקא 3)

קומט פאר

די יערליכע

אלגעמיינע פערזאמלונג

פון די מיטגלידער פון דער הילפס-געזעלשאפט „לינת-הצדק"

מיט כבוד

פערוו. „לינת-הצדק" ראדאם

בעמערקונג:

אין פאל ווען עס וועט נישט קומען א גענוגענדע צאהל מיטגלידער, וועט די זעלבע פערזאמלונג צושטאנד קומען אין 2-טען טערמין 6 אזייגער אוו. ביי יעדער צאהל מיטגלידער.

*Kino „Nowe Czary" Teatr*

Dziś i dni następnych!

**Czarny Pirat**

w roli gł. **Douglas Fairbanks**

**WRÓBELKI**

*Kino dźwiękowe ODEON*

Od 2 Stycznia r. b.

Wielkie arcydzieło dźwiękowe

**ATLANTIC**

Nad program Dodatki dźwiękowe.

*Kino dźwiękowe CORSO*

**Dziś i dni następnych**

Wielki polski film dźwiękowy

**NA SYBIR**

w rolach głównych:

Jadwiga Smosarska i Adam Brodzisz

מיט 9600 אויסשטעלער

אויס 1600 פארשידענע בראנזשען

פון 24 לענדער

אין די

לייפציגער

פרי-יאר-מעסע 1931

פאר יעדען סוחר, די איינציגע מעגליכקייט איינצוקויפען און געהאויר צו ווערען וועגען אלע ענינים פון מסחר.

זי הויבט זיך אן אם 1 מערץ

אלע ידיעות באקומט מען ביים

לייפציגער מעסאמט אין לייפציג

אדער ביים פערטרעטער:

**WŁADYSŁAW GLAZER**

Warszawa, Aleje Jerozolimskie 41

Tel. 230 - 55


Redaktor Ch. M. Herc

Drukarnia Wyd. „Radomer-Kelcer Leben" Radom Szwoalikowska 19.